בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

437

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן זִיךְ בַּאקְלָאגְן? .................................. א


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


רַאטֶעוֶועןן פוּן אַ פְּלַאץ פוּן עֲבֵירוֹת .................................................... א

"אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן רֵיין" ............................................................. א

נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּלָאטֶע.......................................................... ג

לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן חוֹבוֹת........................................................ ה

אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן ................... ה

זִיךְ גוּט נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ......................................................... ו

מֶען קֶען זַיין אַ מֶעמְבֶּער אוֹיךְ אָן אַ סְמַארְטְפָאוֹן ................................. ז

קוּק אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן דַיין וַוייבּ........................................................ ח

דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִיז אִין עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת................ ט

מְחַנֵךְ זַיין מִיט רוּאִיגְקֵייט ............................................................... י

עֶרְנְסְטְקֵייט פוּן נֶערְוְועןן ................................................................. יא

וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן? ........................................ יב

מֶען קֶען נִישְׁט אָן חִיזוּק.................................................................. יג

אַ אִיד הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת.......................................................... יד

נָאר מִיט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף נִסְיוֹנוֹת................................ טז

נִישְׁט זִיצְן אִין אָפִּיס מֶער שָׁעוֹת וִוי אִין שׁוּל ......................................... יז

זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְן, קוּק פָארְאוֹיס..........................יח

הִיט מִיךְ, הִיט מַיינֶע אוֹיגְן, מַיין מַחֲשָׁבָה..........................יט

אַ שָׁאקְל, צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ..........................יט

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דָאס זַיין צוּגֶעלֵייגְט..........................כ

אַ וֵוייכֶע הַארְץ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ..........................כא

עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועקְצוּפָארְן פוּן שְׁטָאט פַאר זוּמֶער..........................כג

מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מִיטְצוּנֶעמֶען..........................כג

סִיּוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְטְ'סְטֶע מָאל..........................כד

שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה..........................כה

אָבֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים נֶעמְט מֶען אָן יֶעדְנְ'ס תְּפִלּוֹת..........................כה

זִינְג צוּ אִים, לוֹיבּ אִים, רֶעד צוּ אִים, אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים..........................כו

לִיבְּשַׁאפְט אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה..........................כז

דִי שִׂמְחָה אוּן דִי גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטֶעטְל..........................כח

נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן..........................כח

בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר גָארְנִישְׁט מִיט נֶעמֶען..........................כט

חִינוּךְ אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס..........................ל

אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע..........................לא

לָאזְן דִי שְׁכֵנִים קוּמֶען שְׁפִּילְן אִין הוֹיף..........................לב

אַלֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען זֶענֶען נִישְׁט גוּט..........................לב

נִישְׁט גֶעבְּן אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת..........................לג

אַ קִינְד וָואס עֶלְטֶערְט זִיךְ, קֶען זִיךְ פִירְן אַנְדֶערְשׁ..........................לד

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדִישׁ..........................לד

דֶער עִיקָר יִחוּס אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען..........................לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן זִיךְ בַּאקְלָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אֵייבִּיג פוּן זִיךְ אַלֶעס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ אַ טֶערָאפִּיסְט, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע יְסוּרִים און וֵוייטָאג אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל זַיין אַז אִיךְ הָאב חָלִילָה קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אוֹיבּ מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; און פַארְקֶערְט וֶוען מֶען קְלָאגְט, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ שְׁלֶעכְטְס. אִיז ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען און אוֹיסְקְלָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'**

**דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס טוּט וֵויי און הָאבְּן קַשְׁיוֹת און תַּרְעוּמוֹת - זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן; הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט, אָבֶּער זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע וֵוייטָאג - דָאס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג.**

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס דְּרָכִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען וֶועט יֶעצְט גֶעבְּן מֶער שְׁלֶעכְטְס; דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען דִינִים אוֹיף זִיךְ, אוֹיף דֶעם זָאגְט מוֹהֲרנַ"ת אַז וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים מַאכְן עֶר זָאל הָאבְּן נָאךְ מֶער אוֹיף וָואס זִיךְ אָפּ צוּ רֶעדְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען מֶער גוּטְס, עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; אָפְּרֶעדְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן - זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, אָפְּרֶעדְן אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ מַאכְסְט נָאר גוּטְס, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶס קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן אוּן פַארְנֶעמֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס" וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### רַאטֶעוֶועָן פוּן אַ פְּלַאץ פוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר מִיט דַיין בְּרוּדֶער ...; עֶר הָאט אַ דִירָה דָא אִין שְׁטָאט אוּן עֶס אִיז דָארְט אַ פְּלַאץ פוּן עֲבֵירוֹת, עֶס אִיז דָארְט דָא אַ גְרוֹיסֶע סְקְרִין אוּן מֶען קוּקְט דָארְט מָאוִויס גַאנְצֶע נֶעכְט, אוֹיךְ אִיז דָא דָארְט שֶׁעדְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן, אָבֶער אוֹיב דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס טוּן אִים צוּ רַאטֶעוֶועָן - זָאלְסְטוּ אִים רַאטֶעוֶועָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ״אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן רֵיין״

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וֶוערְט נָאר שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער, אִיךְ וִויל דִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי קוּנְטְרֵסִים; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אַז דָאס אִיז זֵייעֶר הִתְחַזְקוּת פַאר דִי וָואךְ, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר וֶועג וַוייזֶער צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אִיךְ

ווייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אַוַדַאי שְׁטֶעלְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מְנִיעוֹת יֶעדְן טָאג פוּנְדַאסְנֵיי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אִיךְ בֶּעט דִיר, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אוּן טְרַאכְט נָאר וִוי מֶען קֶען דָאס פַארְבְּרֵייטֶערְן אוּן נָאךְ שֶׁענֶער מַאכְן.

יֶעצְט לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד גֵייט מִיט אַ הַאנְטוּךְ אוֹיפְן פְּלֵייצֶע מִיט נַאסֶע פֵּיאוֹת, עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט יֶעצְט פוּן מִקְוֶה, אוּן ווִי צְוֵויי עֲרֵלִים וַוייזְן מִיט דִי הֶענְט אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְן אִים; דִי נָאמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה זָאל זַיין "אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין":

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי זָאלְן מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן; אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט גֶע'טוֹבֵל'ט, אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין..."

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ען, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן מִקְוֶה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַרִיבֶּער אַ שְׁמָאלֶע גַאס אוּן עֶס זֶענֶען אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען צְוֵויי גוֹיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ אָנְרִירְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן טָמֵא, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן רֵיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִקְוֶה, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי זָאלְן מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן; אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט גֶע'טוֹבֵל'ט, אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף - אִיז דָא אֵיין עֵצָה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִים אִין יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ, אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד בֶּעט עֶפֶּעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט

שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר זֶעט ווִי דִי גוֹיִם קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ אִים, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה הָאט פַּאסִירְט... דִי גוֹיִם רוּפְן אוֹיס הוֹיךְ: "לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְקְוֶועטְשְׁן אִין דִי זַייט נִישְׁט אָנְצוּרִירְן דֶעם שְׁמוּצִיגְן אִיד", דִי גוֹיִם קְוֶועטְשְׁן זִיךְ אַרַיין אִין דִי זַייט, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט אַרִיבֶּער הֵיילִיג און רֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת.

עֶכְט אִיז אַ אִיד נִישְׁט שְׁמוּצִיג, אַ אִיד אִיז הֵיילִיג, נָאר דִי גוֹיִם זָאגְן אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען שְׁמוּצִיג, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן אַזוֹי, וַוייל אִידְן זֶענֶען רֵיין און הֵיילִיג, אִידְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע פוּן דִי וֶועלְט.

לָאמִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין מִקְוֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן צוּ בְּלַייבְּן רֵיין, און וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין גַאס - נִישְׁט אָנְרִירְן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּלַייבְּן רֵיין, און לָאמִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיר וֶועלְן זַיין הֵיילִיג און רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּלָאטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלֹתְךָ בא"י), י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער - אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט אִירֶע חַבֵרְ'טֶעס, און אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶעס, אַלֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן זוֹיבֶער, אֲפִילוּ אִיר שִׁיךְ אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין; דִי פְּרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט:

'ווי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא רוּאִיגְקֵייט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בְּלָאטֶע און דָאךְ בְּלַייבְּן זוֹיבֶּער?' הָאט אָדְל זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע - זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין און זוֹיבֶּער"; דִי וֶוערְטֶער לֶערְנְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת - זָאל מֶען זִיךְ אָפְּוַואשְׁן און אָפְּרֵיינִיגְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּלָאטֶע.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַז מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע דַארְף מֶען פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִּיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען שְׁרֵייט און מֶען שְׁרֵייט און מֶען שְׁרֵייט, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע; אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "און אֲפִילוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, און מֶע שְׁרַייט, און מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "**הֶעלְף מִיךְ טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לוֹיְנְט זִיךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ אִיבֶּערְבּוֹיעֶן דִי הוֹיז וְכוּ׳; מַאךְ נִישְׁט נַארִישֶׁע זַאכְן, עֶנְדְלִיךְ בִּיסְטוּ אַרוֹיס פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס נָאכְאַמָאל חוֹבוֹת... עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן אִין אַ דִירָה וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין אוּן מְסוּדָּר - וִוי אֵייְדֶער זִיךְ מַאכְן חוֹבוֹת. נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכב): ״וְטוֹב לִסְבֹּל הַדֹּחַק״, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען לַיידְן דִי דַחְקוּת ״אֲפִלּוּ בִּמְזוֹנוֹת, וְכָל שֶׁכֵּן בְּמַלְבּוּשִׁים וְדִירוֹת וְכוּ׳״, סַיי בַּיים עֶסְן, קְלֵיידוּנְג אוּן אַ דִירָה וְכוּ׳, ״וְלֹא לִהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, וִוי זַיין אִין חוֹבוֹת.

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, הִיט זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְן קֵיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וָואס מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן, קוּקְן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קיב), עֶס אִיז דָא עֲבֵירוֹת וָואס מַאכְט מֶען זָאל זַיין אַ בַּעַל חוֹב, אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן פַאלְן בִּקְדוּשָׁה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי עֲבֵירָה פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, ״בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה״, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ וֶוערְן ״עֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה״ (מִשְׁלֵי כב, ז); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן דֶעם.

...

## אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן וְכוּ׳; אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, מֶען דַאוֶוענְט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

אַזַא שָׁאד דו הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי הֵיילִיגֶע חַבוּרָה פון "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אַזַא שָׁאד, דֶערְמַאן זִיךְ דִי גוּטֶע צַייטְן, וִוי דו הָאסְט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה, מִיט תּוֹרָה און מִיט תְּפִלָּה; אֶפְשָׁר אִיז דֶער סְמַארְטְפָאוֹן שׁוּלְדִיג אִין אַלֶעס? נִישְׁט אֶפְשָׁר, נָאר זִיכֶער אַז דִי סְמַארְטְפָאוֹן נֶעמְט אַוֶועק דִי יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פון תַּכְלִית, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט זַיין בַּיים צַדִיק; הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

...

## זִיךְ גוּט נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען טְרָאגְט אַייךְ אָן שִׁידוּכִים - זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַרַיינְטוּן און אוֹיסְהֶערְן, זַייט נִישְׁט קֵיין עַקְשָׁן זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן צוּ נֶעמֶען דַוְקָא אַ בָּחוּר פון אוּנְזֶער יְשִׁיבָה; וָואס מֵיינְט אִיר, בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה דַארְף מֶען נִישְׁט רַחֲמֵי שָׁמַיִם? דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גִיטִין פון בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דָא און זֵיי זֶענֶען גֶעפַאלְן פַאר דִי סְמַארְטְפָאוֹן און דִי שְׁטוּב זֵייעֶרֶע אִיז צֶעפַאלְן, און מַיין הַארְץ אִיז מִיר צֶערִיסְן דֶערְפוּן; וָואס מֵיינְט אִיר? דָא אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט?

עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ נִישְׁט, זָאגְט פַאר אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים און זִיךְ גוּט נָאכְפְרֶעגְן, און וַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, און אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פון דִי מְסוֹרָה פון אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם לָאזְן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב דִי קְלִיפָּה, דִי סְמַארְטְפָאוֹן.

מֶער קֶען אִיךְ נִישְׁט שְׁרַייבְּן, בֶּעטְס פַאר מִיר.

...

## מֶען קֶען זַיין אַ מֶעמְבֶּער אוֹיךְ אָן אַ סְמַארְטְפָאוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַבּוּרוֹת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר צוּ הֶעלְפְן אִידְן, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אִין חֶבְרָה הַצָּלָה, שׁוֹמְרִים אוּן שְׁמִירָה, חֲבֵרִים אוּן חֲבִיבִים, אוּן אוֹיךְ דוּ בִּיסְט אַ חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס, וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, בִּזְכוּת דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס, דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לוֹיפְן טוּן חֶסֶד פַאר אַ צְוֵייטְן אִיד - וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

אָבֶּער אוֹיבּ צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי חַבּוּרוֹת מוּז מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה - אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע זַאךְ, וַוייל מֶען קֶען פַארְלִירְן אַלֶעס, אַלֶעס מֵיינְט אַלֶעס; דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי אֱמוּנָה, דִי שְׁטוּבּ אוּן דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

עַל כֵּן טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., בַּארֶעכְן זִיךְ וָואס דוּ ווִילְסְט אוּן וָואס דַיין פְּלַאן אִיז, מַאךְ נִישְׁט דִי טָעוּת, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ אַנְדֶערֶע, בְּלַייבּ עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין עֶכְט מֶעכְטִיג, עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְט מֶעכְטִיג, עֶס אִיז דָא מֶעכְטִיג בַּיי דִי קִינְדֶער, בַּיי דִי קַטְנוּת הַמּוֹחִין, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דָא עֶכְט מֶעכְטִיג, מֶעכְטִיג אִין הִימְל, מֶעכְטִיג מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וֵוייס פוּן צֶענְדְלִיגֶער מֶעמְבֶּערְס בַּיי דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס וָואס פָאלְגְן יָא דִי רַבָּנִים, אוּן מִיטְן פָּשׁוּטְ׳ן טֶעלֶעפָאן הֶעלְפְן זֵיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; בְּלַייבּ דוּ אוֹיךְ עֶרְלִיךְ.

דוּ בִּיסְט מַיין תַּלְמִיד, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר אַזוֹי ווִי אַ קִינְד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן, דִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אַזוֹי טַייעֶר אוּן אֵיידְל, דִי הַארְץ וֶוערְט מִיר גֶעלֶעכֶערְט צוּ זֶען ווִי מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט, מַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע גֵיין לְטִמְיוֹן, דִי סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע דְרָשׁוֹת; אֵיין קְלִיפּ, אֵיין לֵיצָנוּת, אֵיין סְטֶעטוּס - נֶעמְט אַוֶועק מֵאָה תּוֹכָחוֹת, הוּנְדֶערְט דְּרָשׁוֹת; אִיךְ וֵוייס אַז דִי נִסָּיוֹן אִיז גְרוֹיס,

בִּפְרַט װען אַלֶע לֶעלָא"ס, אַלֶע װיכְטִיג מַאכֶערְס קוּמֶען מִיט דִי גְרוֹיסֶע טֶעלֶעפָאנְס, מֶען װיל אויךְ זַיין װִי זֵיי, אָבֶער פָּארְט הָאסְטוּ טוֹעֶם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע װַיין, װִי קֶען מֶען דִיךְ אָפְּנַארְן?!

הַחוֹתָם בְּדֶמַע עֵינִי.

...

## קוּק אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן דַיין װַייב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין דַיין װַייב, דַארְפְסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אִיר מַצָב, זִי הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן הִתְקַרְבוּת לְרַבֵּנוּ, אוּן אַז אַלֶע אַרוּמִיגֶע לַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב - אִיז דָאס בַּיי אִיר װִי װֶוערְן אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן פֵייעֶר. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוֹעֶם זַיין פוּן דִי יַיִן הַמְּשֻׁמָּר, מַאכְט נִישְׁט אוֹיס פַאר דִיר וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף דִיר אוּן וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אָבֶער דַיין װַייב - זִי װֶוערְט יָא צֶעדְרִיקְט פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן וְכוּ'.

וּבְכֵן דַארְפְסְטוּ טוֹישְׁן דַיין בְּלִיק אוֹיף אִיר, דוּ דַארְפְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אִירֶע גֶעפִילְן; קֶענְסְט אִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן קֵיין בְּרֶסְלֶב, קֶענְסְט אִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן וְכוּ'; פַאר אִיר אִיז דָאס אַזוֹי װִי װֶוערְן אָפְּגֶעגָאסְן מִיט הֵייסֶע װַאסֶער, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין אוּמַאן, זִי שְׁלִינְגְט דָאס אַרָאפּ יָאר נָאךְ יָאר, דַיין פָארְן קֵיין אוּמַאן דָאס אִיז דֶער עִיקָר, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְסְטוּ אִיר שׁוֹין לִיבּ הָאבְּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, קוּק אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן דַיין װַייבּ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע, אַן אִשָּׁה צְנוּעָה, אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, זִי אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, זִי פִירְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מִיט צְנִיעוּת, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מַעֲלוֹת וָואס

זִי הָאט; קוּק נָאר אוֹיף דֶעם און טְרַאכְט נָאר פוּן דֶעם, און דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי הַאלְט דִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וַוייבּ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט, דָאס וֶועט דִיךְ אַוֶועק טְרָאגְן אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם הַשָּׁפֵל דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אַיינְגֶעגֶעמֶע גֶעשְׁמַאק פוּן גַן עֵדֶן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִיז אִין עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּיר, ער"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

דִי גַבָּאִים פוּנֶעם "קֶרֶן הַבִּנְיָן", הָאבְּרֵךְ שַׁבְּתַי מִיט אָשֶׁר בֶּער נֵרָם יָאִיר הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶנְק הָאבְּן מְנַדֵב גֶעוֶוען צְוֵויי כִּיתּוֹת אִין "בֵּית פִּיגָא" אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן נַחַת בַּיי עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת מִיט הַצְלָחָה, גֶעזוּנְט און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

נ.ב. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג; מֶענְטְשְׁן זוּכְן גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס, קֵיינֶער וֵייסְט נִישְׁט וָואס מָארְגְן גֵייט זַיין, וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן; דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִיז אִין עֶרְלִיכֶע תַּלְמוּדֵי תוֹרָה, עֶרְלִיכֶע בָּתֵּי חִינוּךְ, יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים וְכַדוֹמֶה, דָארְט אִיז זִיכֶערֶע פַארְדִינְסְטְן.

...

## מְחַנֵּךְ זַיין מִיט רוּאִיגְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים; דָאס אִיז אַ לַאו, עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶנְ׳ט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ), מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): ״וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל״.

דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי׳ן, זֵיי פְלֶעגְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי׳ן יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי. בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי׳ן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ גוּט צוּגֶעקוּקְט צוּ דִי תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט, צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער עֶר דַארְף עֶפֶּעס פַארֶערִכְטְן.

אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד דַארְף פָאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט: ׳נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער׳ - אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט שְׁלָאגְן; מוֹהַרְנַ״ת הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז זַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ צוּלִיבּ אַ גַאסְט וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער גַאסְט הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ׳, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן; הָאט דֶער רֶבִּי אִים אוֹיסְגֶע׳מוּסָרְ׳ט אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען סְתָּם אוֹרְחֵי פּוֹרְחֵי, נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין לֶערְנֶען, אוּן ווִידֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!״ פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער.

אַז דִי קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי כֵּלִים אוּן זֵיי שְׁלָאגְן, צִיפְּן וְכוּ׳, זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג, זָאלְסְט זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, זָאלְסְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוּן זִיךְ פַארְטְרָאגְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, דִי שִׁיעוּר וֶועט זַיין אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס לוֹינְט צוּ קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, מֶען מוּז הָאבְּן חִיזוּק, אָן חִיזוּק קֶען מֶען נִישְׁט אָנְגֵיין, אָן חִיזוּק גֶעבְּט מֶען אוֹיף, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶרְנְסְטְקֵייט פוּן נֶערְווֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט אַזוֹי עֶרְנְסְט שַׁבָּת, רוֹב מָאל אִיז דָאס עֶרְנְסְטְקֵייט פוּן נֶערְוֶועץ, עֶרְנְסְטְקֵייט אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת; שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, דִי סְעוּדָה דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מַאךְ נִישְׁט דִי סְעוּדָה מִיט נֶערְוֶועץ, מַאךְ נִישְׁט קִידוּשׁ מִיט נֶערְוֶועץ, הַרְגְ'עֶ נִישְׁט דִי קִינְדֶער, רַצְחְ'ע זֵיי נִישְׁט, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, ווַייל אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יז): "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנה): "בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין פְרוּם" (עֶרְנְסְט), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ".

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס וֶועט אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן דִיר דִי נֶערְוֶועץ אוּן דִי מְשׁוּגַעתְ'ן, דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן א): "כְּמוֹ שֶׁהַמְשׁוּגָעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם", אַזוֹי ווִי אַ מְשׁוּגֶע'נֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס זִינְדִיגְט, אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט רוּחַ שְׁטוּת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ

רוּחַ שְׁטוּת", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מְשׁוּגָע, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "שֶׁבָּזֶה מֵכִין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקֶן, אוּן דָאס שְׁלָאגְט אוּן הַאקְט אַרוֹיס דִי מְשׁוּגַעַת, דִי נֶערְוֶוען, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז מִיר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַן אֵיינִיקְל בַּיי מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א, מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל זֵייעֶר שֵׁיין, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֵיינְס דִי שֵׁיינְקֵייט וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צַאם; דִי שִׂמְחָה, דִי לִיבְשַׁאפְט, בִּפְרַט בַּיים קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ; מֶען שְׁפִּירְט ווִי דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט, אוּן אוֹיךְ אַלֶע תַּלְמִידִים הַקְּדוֹשִׁים.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן אַהֵיים פָארְן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים דְרַיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, אִיךְ וֶועל מְקַצֵר זַיין, אָבֶער אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, הֵייבּ הַיינְט אָן דַיינֶע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה וְכוּ', שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה", וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן? "שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", אֶפְשָׁר וֶועט מָארְגְן זַיין בֶּעסֶערֶע תֵּירוּצִים אוּן מֶער עֶכְטֶע תֵּירוּצִים אוֹיף נִישְׁט לֶערְנֶען? (אָבוֹת ב, ד), הֵייבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט אָן חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיךְ גֶערוּפְן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס דִי בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אִין מִירוֹן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַּאר דִי פוּלֶע גֶעסְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי הִלּוּלַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, סְפֶּעצִיעֶל הָאבְּן זֵיי מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, וִוי אֵיידֶל עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, אוּן וִוי עֶר הָאט אַזוֹי שֵׁיין גֶעהָאלְפְן מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַמָאל אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הֶעלְפְט אוּן בִּשְׁעַתְ׳ן הֶעלְפְן בְּרִיקֶעט עֶר, מֶען כַאפְּט פוּן אִים וְכוּ׳, אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן ווייל עֶר הֶעלְפְט אוּן מַאכְט, אוּן אַמָאל אִיז דָא וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֵיידְל אוּן מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט ווייל מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּ זֵיי, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, סְפֶּעצִיעֶל דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר - זֶענֶען פוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, זֵיי הָאבְּן אַזוֹי שֵׁיין גֶעהָאלְפְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, שְׁטַארְק זִיךְ; מֶען מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָן חִיזוּק, יֶעדֶער דַארְף חִיזוּק, אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים דַארְפְן חִיזוּק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכו), מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, יֶעדֶע מָאל דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶס הָאט גֶעלוֹינְט צוּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ, גְלַייךְ גֶעפִינֶען מִיר: ״פָּתַח וְאָמַר״, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן נֵייעֶ תּוֹרוֹת, מְגַלֶּה זַיין נֵייעֶ סוֹדוֹת; ווייל אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר

וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, אוּן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט דִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין - זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, דֶערְמַאן זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זֵיי הָאט מֶען אוֹיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַאלְן וְכוּ', זֵיי הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שָׁם חֵלֶק ב, סִימָן מח), דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מֶען אַמָאל מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן, עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קֵיין עוֹלָם הַבָּא", אוּן אַמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל בַּיים אָנְצִינְדְן דִי לִילְקֶע צִיבֶּעךְ פוּן אַ לֶעכְט גֶעמַאכְט פוּן חֵלֶב אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט נָאר אַזוֹי טוּן (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנב); דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט הֶערְן אַ כְּרוּז פוּן הִימְל אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, מֶען אִיז דֶערְנָאךְ - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן מַאכְן פוּן דֶעם, מֶען זָאל בְּלַייבְּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן הַכְנָעָה, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין, בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אַ אִיד הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים וְכוּ' אוּן מֶען

פַארְלִירְט, דִי וֵוייטָאג אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ; דָאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.), מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא, לְטַב עָבִיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר גוּט; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה", פַארְוָואס? "יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", פְרֶעגְן דִי גוֹיִם; אַ גוֹי פְרֶעגְט קַשְׁיוֹת, אַ גוֹי זָאגְט: 'לָמָּה?' אַ אִיד הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת, אַ אִיד וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן.

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַּרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי נִישְׁט גוּט - אִיז אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא", אַזוֹי דַארְף זַיין, "שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אוּן עֶס אִיז שֵׁיין אוּן גוּט עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת, "וְאִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, "אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד; קוּמְט אוֹיס, אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת וַוייזְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, נִישְׁט מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס אִיז גוּט אַרוּם צוּ גֵיין מִיט קַשְׁיוֹת, נָאר: "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## נָאר מִיט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוֹיף נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג, אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג - קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד; דִי טֶעג זֶענֶען לַאנְגֶע טֶעג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לֵייגְן פְרִי שְׁלָאפְן, מֶען דַארְף וַוארְטְן צוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב; קֶען מֶען אִין דִי צַייט אַרַיינְכַאפְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אוּן אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר וָואס מֶען וִויל לֶערְנֶען אוּן וִויפִיל מֶען וִויל אָנְקוּמֶען - קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.), וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דִי וָואךְ מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", 'מִשְׁנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה', דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט דִי נְשָׁמָה רֵיין, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן וָואס מֶען הָאט גוֹרֶם גֶעוֶוען דוּרְךְ עֲבֵירוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּטֶערְ'ן דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי זוּמֶער טֶעג; עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן מֶער אוּן מֶער, שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל אִין רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע

לֶעבְּן, און נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן און זִיךְ רַאטֶעוֶועןָ. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ הֵיילוּנְג פַּארְן יֵצֶר הָרָע, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; און אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןָ פוּן אִים, און אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי טוּנְקְל, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" (אֵיכָה ג, ו), מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, "זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל" (סַנְהֶדְרִין כד.), אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, לֶערְנֶען בַּבְלִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## נִישְׁט זִיצְן אִין אָפִיס מֶער שָׁעוֹת וִוי אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס צוּם דַיָּין'ס שִׁיעוּר, אַ אִיד מוּז הָאבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אִין אָפִיס מֶער שָׁעוֹת וִוי מֶען אִיז אִין שׁוּל, מֶען קֶען צוּגְרוּנְד גֵיין אִין אָפִיס בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'; נָאר אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, מֶען דַאוֶונְט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, און מֶען הָאט שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן.

מֶענְטְשְׁן רִימֶען מִיךְ אוֹיס אַז אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דִי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר סוּקְסֶעסְפוּל, מֵצְלָחִים וְכוּ', און אַז אִיךְ הֶער אַז דֶער דַיָּין גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר און אַ מִיעוּטָא דְמִיעוּטָא זִיצְן דָארְט - אִיז דָאס בַּיי מִיר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי סוּקְסֶעסְפוּל וְכוּ'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הַכְנָעָה, און קוּם

צוּם שִׁיעוּר, אוּן אַז אַ גַאנְצְן טָאג בִּיסְטוּ אִין אָפִּיס - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְטִינְקֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אִין שׁוּל; דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

### זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּן פַארֶענְטְפֶערְן, קוּק פָארְאוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלֹותְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י), פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, גוּטֶע זַאכְן, עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן לְכַף חוֹב; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, קוּק גוּט אוֹיף דִיר, אוּן זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ; לָאז אָפּ דַיין עָבַר, שְׁלֶעפּ נִישְׁט דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִישְׁט אוּן פַארֶענְטְפֶער זִיךְ נִישְׁט, קוּק נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס.

רוֹב מֶענְטְשְׁן גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר טָאג, אַ הַאלְבֶּע טָאג מִיטְן זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אוּן אַ הַאלְבֶּע טָאג מִיטְן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין אַ טִיפֶע עַצְבוּת, אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט; דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס.

זַיי פְרֵיילִיךְ, גֵיי אַ טֶענְצְל: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ..."

...

## הִיט מִיךְ, הִיט מַיינֶע אוֹיגְן, מַיין מַחֲשָׁבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אֵיידֶער דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה בַּיי דִי מְזוּזָה אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק; שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ קוּרְצֶע גֶעבֶּעט בַּיי דִי מְזוּזָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְג מִיךְ צוּרִיק אַהֵיים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט", אוּן כָּל שֶׁכֵּן יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וָואס עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר אִין גַאס, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְבְּרֶענְט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי גֶעפֶערְלִיכֶע פְּרִיצוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן - נָאר מִיט תְּפִלָּה.

כַאפּ אָן דִי מְזוּזָה אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, הִיט מִיךְ, הִיט מַיינֶע אוֹיגְן, מַיין מַחֲשָׁבָה, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן רֵיין אוּן הֵיילִיג".

זָאג דִי פָּסוּק (יְשַׁעְיָ' לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה חֵלֶק ב, סִימָן ט) אַז דָאס אִיז מְסוּגָּל פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם.

...

## אַ שָׁאקְל, צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַמָאל גֶעבְּט מֶען אַ שָׁאקְל דֶעם מֶענְטְשׁ אִים צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס. דָאס הֵייסְט, אַמָאל קֶען פַּאסִירְן, וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט, אַלֶעס גֵייט וִוי מֶען וִויל, קֶען מֶען אַמָאל חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט אַז אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִיז פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, מֶעכְטִיג, קְלוּג וְכַדוֹמֶה, דָאס אִיז דָאךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה, אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאכְט מֶען פוּן הִימְל עֶפֶּעס, מֶען גֶעבְּט אַ שָׁאקְל, אוּן דָאס טוּט דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'.

בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶוען מֶען זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט, נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים; אַזוֹי אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, אוּן צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דָאס זַיין צוּגֶעלֵייגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ שֶׁיִּחְיוּ**

עֶנְק דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן עֶנְק דַארְפְן זִיךְ טוּישְׁן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דָאס זַיין צוּגֶעלֵייגְט, עֶנְק מוּזְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; אִיךְ וֵוייס אַז עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶנְק וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַאר עֶנְק, מַיין הַארְץ אִיז מִיר גוּט צֶערִיסְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף עֶנְק, מַיין הַארְץ וֵויינְט פַאר עֶנְק.

דָאךְ אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, עַצְבוּת אִיז נִישְׁט גוּט, עַצְבוּת שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה, עַצְבוּת אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, עֶנְק מוּזְן זַיין פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער, דִי אָרֶעמְקֵייט אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס אִיז

נִישְׁט גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט אִין מוֹיל צוּ נֶעמֶען, אַלֶע פְלֶעגְן אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, ווִי אַזוֹי אוּן מִיט וָואס פְרֵייסְטוּ זִיךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בָּארְג שִׂמְחָה, אִיךְ בָּארְג פוּן שְׁפֶּעטֶער, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז גֶעבְּן שֶׁפַע, דֶעמָאלְט גֵייט זַיין גָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיךְ, בָּארְג אִיךְ אוֹיס שִׂמְחָה"; מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט דָאס אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן אוּן אוּנְז גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן.

מִיט שִׂמְחָה עֶפְנְט מֶען אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טִירְן צוּ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת...

...

### אַ ווֵייכֶע הַארְץ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ אַז עֶס הָאט דִיר זֵייעֶר ווֵיי גֶעטוּן בַּיים ווֶעקְן דִי בָּחוּרִים וָואס שְׁלָאפְן אִין דָארְמִיטָארִי צוּ זֶען אַ בָּחוּר שְׁלָאפְן אָן צִיצִית, אוּן אַ צְוֵוייטֶער שְׁלָאפְן אָן אַ קַאפְּל אוּן אָן דִי צִיצִית; אִיךְ בִּין נֵייגֶערִיג דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוֹיפְן מֶעסֶעדְזְשׁ הֶערְט מֶען נָאר דָאס קְרֶעכְצְן וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין, ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַמָאל קוּמֶען בָּחוּרִים וָואס אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָדֶער אַמָאל אִיז פַארְקֶערְט, מֶען הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן פוּן גְרוֹיס לַחַץ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דִי כֵּלִים דָאס צוּ קֶענֶען טוּן, זֵיי ווִילְן טוּן נָאר פַארְקֶערְט; צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן מִיר דִי יְשִׁיבָה, דִי מוֹסְדוֹת; צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַוַודַאי דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז עֶס אִיז הֵיילִיג צוּ שְׁלָאפְן מִיט אַ קַאפְּל אוּן צִיצִית, דָאס אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט

אֱמוּנָה, און וויסן זאָלסטו, אַז מען זאָגט איין מאָל - איז נאָכנישט סוֹף פָּסוּק, מען דאַרף זיין גרייט צו איבערזאָגן און איבער׳חַזְרִ׳ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און ווען מען זאָגט - דאַרף מען דאָס זאָגן מיט רַחֲמָנוּת, מיט האַרץ; ווייל מען רעדט דאָ פון טייערע אידישע קינדער, נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; דאַרף מען האָבן רַחֲמָנוּת. דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז), אויפן פָּסוּק (יְשַׁעְיָ' מט, י): "כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם", אַז ווער עס האָט רַחֲמָנוּת - דער קען זיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, ווייל דאָס איז די גרעסטע רַחֲמָנוּת, צו זען אידישע קינדער פאַלן אין עֲבֵירוֹת, עס איז נישטאָ קיין גרעסערע רַחֲמָנוּת און קיין גרעסערע יִסּוּרִים ווי עֲבֵירוֹת.

עַל כֵּן ליבער ברודער, טייערער האַרציגער חָבֵר, שטאַרק זיך, און שטאַרק די גאַנצע סטעף; אַלע מְלַמְּדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּר, זיי זאָלן נישט קרעכצן ווען מען זעט ביי די תַּלְמִידִים ווי מען פירט זיך נאָכנישט ריכטיג, ענדערש זאָל מען טון צו די זאַך. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרענגט פונעם הייליגן רַבִּי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "בעסער עפעס טון פון טויזנט אֲנָחוֹת"; אַז מען זעט בָּחוּרִים שלאָפן וְכוּ׳ לערנט מען זיי דאָס גרויסקייט פון נעגל וואַסער, דאָס גרויסקייט פון צִיצִית וְכוּ׳, און אַז מען זעט בָּחוּרִים פאַרשלאָפן - דאַרף מען רעדן צו זיי פון די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע, און אַזוֹי ווייטער.

הַכְּלָל, חִינּוּךְ איז זייער הייליג, און אויך דאַרף מען אַסאַך כֹּחַ און אַ ווייכע האַרץ אינאיינעם מיט אַ שטאַרקע האַרץ פון נישט צעבראָכן ווערן און נישט אויפגעבן; צו גלייבן אַז יעדע וואָרט, יעדע חִיזּוּק וואָרט טוט אויף, וואוּיל זענען די וואָס זענען עוֹסֵק אין חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, בִּפְרָט אין דעם דוֹר איז עס מַמָּשׁ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ.

איך בענק זיך צו דיר און צו די גאַנצע סטעף, איך האַלט מיט פון דערווייטנס יעדע פְּרַט וּפְרָט, סיי פון תַּלְמוּד תּוֹרָה, סיי פון בֵּית פֵּיגָא, און פון די יְשִׁיבָה; איך בעט פאַר ענק אַלע.

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועקְצוּפָארְן פוּן שְׁטָאט פַאר זוּמֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר, אוּן אַז דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ.

עֶס אִיז כְּדַאי אַז דִי זוּמֶער וָואכְן זָאלְסְטוּ זַיין מִיט דִי יְשִׁיבָה אַוֶועק פוּן שְׁטָאט. אֲפִילוּ בַּיי אוּנְז אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי מְסוּדָר דִי גַשְׁמִיוּת וְכוּ׳, דָאךְ לוֹינְט צוּ קוּמֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, עֶס אִיז אַ גוּטֶע הֲכָנָה פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג. עֶס אִיז אַ רֵיינֶע לוּפְט, אַ הֵיילִיגֶע לוּפְט. מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין דִי קָאנְטְרִי זָאל מֶען זָאגְן בַּיי קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן: ״דִי בְּאַתְרָא קַדִּישָׁא הָדֵין״, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע לוּפְט, רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, דִיר אִיז מֶער בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ, פְּרִיוַואט וְכוּ׳, דָאךְ לוֹינְט עֶס, פַאר אֵיין רְאִיָ׳ אֲסוּרָה וֵוייניגֶער לוֹינְט אַלֶעס.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן.

...

## מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מִיטְצוּנֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעטוּן רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין מַאכְן גֶעלְט; אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, מִיר זֶענֶען דָא פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, מִיר וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן

צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס מִיט צוּ נֶעמֶען.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ צַייט, גֶעוִויסֶע שָׁעוֹת אִין טָאג וָואס דוּ טוּסְט פַאר פַּרְנָסָה, אוּן נָאךְ דִי שָׁעוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַאר דַיין נִצְחִיּוּת; לֶערְן תּוֹרָה אוּן דַאוֶונֶען, אוּן זַיי עוֹסֵק מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵק זַיין וְכוּ' וְכוּ'.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז מִיר גֵייעֶן זַיין וואויל, מִיר גֵייעֶן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען, דַארְפְן מִיר אָנְהַאלְטְן דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן.

...

## סִיוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט'סְטֶע מָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַזָל טוֹב צוּ דַיין סִיּוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט'סְטֶע מָאל; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע 'דֶרֶךְ הַלִּימוּד', אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט אַ מִשְׁפָּחָה, מִיט אַ ווייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - זָאל מֶען אוֹיךְ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת זִיךְ צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן נִישְׁט וַוארְטְן צוּ שְׁטַארְבְּן, אוּן אַ סָפֵק סְפֵיקָא אוֹיבּ אַ קִינְד וֶועט לֶערְנֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, מִיר זֶענֶען זוֹכֶה יֶעצְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה, מִיר הָאבְּן זִיךְ בַּאנֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעצְט דַארְפְן מִיר זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר זָאלְן טַאקֶע יֶעדְן טָאג קוּקְן אִין דִי תּוֹרָה, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זִיךְ אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי פַּארְנוּמֶענְקֵייטְן, פוּן דִי טִרְדוֹת - אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

הַאלְט מִיט דִיר אַ זֶעקֶל סְפָרִים, לֵייג אַרַיין אַ חוּמָשׁ׳ל, אַ מִשְׁנַיוֹת׳ל, אַ תְּהִלִּים׳ל אוּן נָאךְ, אוּן וואוּ דוּ גֵייסְט, וואוּ דוּ פָאהְרְסְט - זָאלְסְטוּ דָאס מִיט נֶעמֶען, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַ מִינוּט - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְכַאפְּן אַ מִשְׁנָה, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים; גֶעב צוּ עֶסְן פַאר דַיין נְשָׁמָה, מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזוֹנָא דְנִשְׁמָתָא, דָאס אִיז עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן תְּהִלִּים אִיז טְרִינְקֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, קוּק דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כג): ״וואוֹיל אִיז דֶער וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת״, דָאס אִיז גְּמִילוּת חֲסָדִים.

דַיין גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט פַאר צְדָקָה הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קַאסֶע וָואס צָאלְט דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה.

...

## אָבֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים נֶעמְט מֶען אָן יֶעדְנְ׳ס תְּפִלּוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

וואוֹינְסְט אִין קִרְיַת יוֹאֵל, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת אַרוֹיפְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, אוּן דָארְטְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר פִינְף מִינוּט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אָבֶּער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, דָארְט נֶעמְט מֶען אָן יֶעדְנ'ס תְּפִלּוֹת; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט אֵיינְמָאל, נָאר יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע - זֶענֶען זֵיי גְרֵייט אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ; דֶערְפַאר קֶען מֶען דָארְט בַּיי זֵייעֶר צִיּוּן זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, זָאלְסְט מִיךְ אוֹיךְ מַזְכִּיר זַיין לְטוֹבָה, יוֹאֵל בֶּן רֵייצָא רֶעכִיל.

בֶּעט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בֶּעט אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעט אוֹיף תְּמִימוּת פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

...

**זִינְג צוּ אִים, לוֹיבּ אִים, רֶעד צוּ אִים, אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קֵיין גוֹי; אָבֶּער דוּרְךְ עֲבֵירוֹת פַאלְט מֶען אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט גֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְוַודֶּה זַיין, אַרוֹיסְזָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן, אַלֶעס וָואס מֶען אִיז פּוֹגֵם, סַיי בְּמַעֲשֶׂה, סַיי בְּדִבּוּר, אוּן סַיי בְּמַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע צֵרוּפִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד).

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעצְט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס וְכוּ', זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף דָאס אַלֶעס..."

זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זִינְג צוּ אִים, לוֹיבּ אִים, רֶעד צוּ אִים אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה - וֶועסְטוּ וֶוערְן גָאר פְרֵיילִיךְ.

...

## לִיבְּשַׁאפְט אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין שָׁבוּעוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר, מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה - אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט זַיין דְרַיי מָאל אַ יָאר בַּיי אִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עוֹנֶשׁ עוֹלָם הַתֹּהוּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵיי זֵייעֶר לִיבּ, אוּן אֲפִילוּ זֵיי טוּעֶן אַמָאל מַעֲשֶׂה יַלְדוּת, מַעֲשֶׂה קַטְנוּת - דָאךְ אִיז דִי אַהֲבָה שְׁטֶערְקֶער, אוּן אַזוֹי, אַז זֵיי הָאבְּן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט זֵיי אוּן זֶעט גוּט אִין זֵיי - וַואקְסְן זֵיי לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, לִיבְּשַׁאפְט אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה; סַיי מִיט קִינְדֶער, סַיי מִיט תַּלְמִידִים, שָׁלוֹם בַּיִת, וְכַדּוֹמֶה; מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל פוּן וִויזְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִינֶעם שְׁטָאט גְרוֹיסְוַוארְדֵיין, הַיִתָּכֵן צוּ וואוֹינֶען אִין אַזַא פַארְגְרֶעבְּטֶע פְּלַאץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועל אִיךְ מַאכְן אַלֶע פַאר גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן״, וְכֵן הֲוָה.

דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידוּת, קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ, אוֹיף דִי וַוייבּ (אוֹיף דֶער מַאן), אוֹיף דִי קִינְדֶער, (אַ גַבְּאַי אוֹיף דִי מִתְפַּלְּלִים), אוֹיף דִי שְׁכֵנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

...

## דִי שִׂמְחָה אוּן דִי גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם הֶערְש וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע גַבָּאִים אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם הֶערְלִיכְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל, יֶעדֶע מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ, פוּן דִי פְרַיינְדְלִיכְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט - וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן בְּעִיקָר דִי שִׂמְחָה, דִי גֶעשְׁמַאק.

יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן אַ יָאר פוּנֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס וַואקְסְט אוּנְטֶער אַ דוֹר אוּן עֶס וֶוערְן מְקוּרָב נֵייעֶ מְקוּרָבִים, דִי נֵייעֶ שׁוּל אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן.

אִיךְ קוּק אַרוֹיס צוּ קוּמֶען זוּמֶער, זַיין אִין שְׁטֶעטְל, אִינֶעם רֵיינֶעם אֲוִיר; פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק קוּמֶען מִיר אַרוֹיס. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, זַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם רֵיינֶעם פְּלַאץ.

...

## נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ׳ס טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִיץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען פְלַייסִיג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ; דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען גָאר חָשׁוּב, גָאר טַייעֶר, אוּן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מַאךְ זִיךְ אַ גֶּדֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן, קֶענְסְט נִישְׁט וִויסְן אוֹיבּ מִיט דִי אֵיין מָאל קוּקְן אִין אַ חַבֶר'ס טֶעלֶעפָאן - וֶועסְטוּ אַרָאפְּפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, דִי נִסְיוֹנוֹת הַיינְט זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס קֶען זַיין אַ בָּחוּר וָואס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן פְרוּם וְכוּ', אוּן בַּיי זַיין טֶעלֶעפָאן אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; מַאךְ זִיךְ דִי גֶדֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ קוּקְן בַּיי אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת, אֵיידֶעלֶע חֲבֵרִים.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר גָארְנִישְׁט מִיט נֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שָׁבוּעוֹת אִיז אַרִיבֶּער, יֶעצְט דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת צְוִוישְׁן אוּנְז אוּן דִי תּוֹרָה, שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר אַלֶע מְקַבֵּל גֶעוֶוען גוּטֶע קַבָּלוֹת, יֶעצְט דַארְף מֶען חִיזוּק דָאס אָנְצוּהַאלְטְן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען צוּ שִׁיעוּרִים, זִיךְ דְרַייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיט חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶבִּינְ'ס חִיזוּקִים.

בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר גָארְנִישְׁט מִיט נֶעמֶען, מִיר וֶועלְן נָאר מִיט נֶעמֶען דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט, אוּן דִי מִצְוֹות, דִי גוּטֶע זַאכְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", דִי גֶעלְט מִיט דִי הַייזֶער, דִי קַארְס מִיט דִי שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער - דָאס בְּלַייבְּט דָא, נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דָאס וֶועלְן מִיר מִיט

נֶעמֶען, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בֵּית הַחַיִּים, דָאס וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען.

גֶעדֶענְק וָואס הָאט דִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַלְס בָּחוּר, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעקֶענְט דוּרְכְשְׁטוּפְּן דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן? נָאר דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן צַאמְגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אוּן פוּן מוֹהֲרַנַ"ת, גֶעדֶענְק וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם; זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן הֶעלְפְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דִי קוּנְטְרֵסִים מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט, עֶס שַׁיינְט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי תְּמִימוּת'דִיג אוּן אַזוֹי פָּשׁוּט.

...

**חִינוּךְ אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס נֶעמְט אַסַאךְ כֹּחַ צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ; נָאר אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר זֵיי - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען פוּן זֵיי נַחַת.

דֶער עִיקָר פוּן חִינוּךְ אִיז אִיבֶּערְזָאגְן מִיט סַבְלָנוּת אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אַמָאל זָאגְט מֶען וֵוייךְ, אַמָאל שְׁטְרֶענְג, אַמָאל מַאכְט מֶען אַ פְּרָאגְרַאם אַז נָאךְ כָּךְ וְכָךְ מָאל טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל בַּיי זֵיי פּוֹעֶלְ'ן - וֶועט מֶען בַּאלוֹינֶען וְכוּ', אוּן אַמָאל דַארְף מֶען קַנְסְ'נֶען; הַכְּלָל, חִינוּךְ אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, עֶס נֶעמְט דִי כֹּחוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁכֵנִים וְכוּ'; דוּ לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס אִיז

רִיכְטִיג, און אַז דִי קִינְדֶער פון דִי שְׁכֵנִים טוּעֶן אַנְדֶערְשׁ - אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ.

וּבְנוֹגֵעַ דֶער קִינְד וָואס בַּאזַייטִיגְט דַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ'; זַיי אִים מְשַׁחֵד, גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, כָּבוֹד, נַאשׁ וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ שׁוּתְּפוּת וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען קְלוּגֶער פוּן אוּנְז אַלֶע אוּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ מַאכְן קֵיין שׁוּתְּפוּת.

...

## אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן זִיךְ גוּט, אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט; אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז אַ נֵס הָאט פַּאסִירְט אַז דָאס קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין גוּט, אִיךְ זָאג, אַז אוֹיסֶער דִי נֵס הָאט פַּאסִירְט אַ גְרֶעסֶערֶע נֵס, אַז אִיר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי מָאוִויס, דִי דִי וִוי דִי פְּלֶעיעֶר, דִי טֶעלֶעפָאן; אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן צוּ זֶען דִי יְסוּרִים פוּנֶעם קִינְד אַז אִיר הָאט אַלֵיינְס אָפְּגֶעמַאכְט אַרוֹיס צוּ וַוארְפְן דִי טוּמְאָה פוּן שְׁטוּב; בַּיי מִיר אִיז דָאס אַ גְרֶעסֶערֶע נֵס, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְט נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי טוּמְאָה, אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע, און אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, הַאלְטְס דִי שְׁטוּב רֵיין, זַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

...

## לָאזְן דִי שְׁכֵנִים קוּמֶען שְׁפִּילְן אִין הוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דִי קִינְדֶער, דִי שְׁכֵנִים - קוּמֶען זִיךְ שְׁפִּילְן בַּיי דִיר אִין פֶעלְד; דָאס אַוֶועק שִׁיקְן קִינְדֶער פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן וְכוּ׳ - אִיז אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, וַוייל מֶען הָאט נָאר רֶיוַח אַז עֶס אִיז דָא שְׁכֵנִים, אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן. (אוֹיב דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ שְׁטֶערְט עֶס יָא, אִיז רִיכְטִיג זָאלְסְט בֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן רֶעדְן צוּ זֵיי, אוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער טָאג אוּן נַאכְט: ״פְּרֵייוֶועט פְּרָאפֶּערְטִי״).

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן דִיךְ פַארֶעכְטְן; דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר אַז עֶס אִיז מֶער רוּאִיג פַאר עֶלְטֶערְן צוּ זֶען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אִין חָצֵר מִיט דִי שְׁכֵנִים וִוי אֵיידֶער אַוֶועק שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּ אַנְדֶערֶע חֲצֵרוֹת. עֶנְדֶערְשׁ זָאל זַיין אַ רַעַשׁ, אַ גֶערוּדֶער וְכוּ׳, עֶנְדֶערְשׁ זָאל זִיךְ טוּן אַרוּם דִי שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַן עֵינָא פְּקִיחָא אוֹיף זֵיי.

לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען; דִי הוֹיז, דִי קַאר, דִי קְלֵיידֶער; דָאס אַלֶעס בְּלַייבְּט דָא, דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## אַלֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען זֶענֶען נִישְׁט גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

זֶע אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין, נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קֵיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיַאל, אוֹיךְ נִישְׁט פוּן דִי פְרוּמֶע, פוּן חֲסִידוּת וְכוּ׳; אַלֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן

מַאגֶעזִינֶען זֶענֶען נִישְׁט גוּט, אוּן אַז מֶען לֵיינְט עֶס - בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶס, עֶס קִילְט אָפּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פַארְלֶעשְׁט דִי תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פוּנֶעם אִיד מִיט דִי צַייטוּנְג אוּן מַאגֶעזִין.

אוֹיךְ דִי אַלֶע לֵיין מַאטְרִיַאל וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס אוּמְזִיסְט אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דִי וָואס מֶען שִׁיקְט אוֹיף פָּאסְט, אַלֶעס אִיז נִישְׁט גוּט; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט זַיין שֵׂכֶל אוּן הַשְׁקָפָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן לוּפְטֶערְט זִיךְ אוֹיס מִיט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נִיצְט עֶר צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ וְכַדּוֹמֶה.

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער פוּן קִרְיַת יוֹאֵל קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דָאס דַארְפְן מִיר רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים.

...

## נִישְׁט גֶעבְּן אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קְלַאפְּט אַרוֹיס פוּן אַייךְ דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט גֶעבְּן אַנְטִיבִּיַאטִיק; אַז מֶען הָאט סְטְרֶעפְּט אוּן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַנְטִיבִּיַאטִיק - אִיז דָאס סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן דִי סַכָּנָה פוּן דָאקְטוֹירִים מֵיינְט עֶס דִי וָואס הֵיילְן מִיט נַאטוּרְלִיכֶע זַאכְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קִינְד וָואס עֶלְטֶערְט זִיךְ, קֶען זִיךְ פִירְן אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, אִיר זֶענְט יָא אַ צְנוּעָה, בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר אֵיידֶעלֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי אִיר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט פוּן צַעַר פוּן ... אַז זִי פָאלְגְט נִישְׁט אוּן הֶעלְפְּט נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, לְדַעְתִּי אִיז זִי אַ גוּט קִינְד, אַ וואוּיל קִינְד; אַזוֹי פַּאסִירְט, אַזוֹי אִיז בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער, וֶוען זֵיי עֶלְטֶערְן זִיךְ - פִירְן זֵיי זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערְשׁ, זֵיי בְּלָאזְן, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ; מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט אוֹיסְלוֹיבְּן, אוֹיסְרִימֶען אוּן מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט - וֶועט מֶען קֶענֶען גֶעוִוינֶען אִיר הַארְץ.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט תְּפִלָּה; יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, וֶועט זִי עֶנְק בְּרֶענְגֶען נַחַת.

...

## קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַיין לֶעבְּן גֶעבְּסְטוּ אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי מַדְרִיךְ זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִידּוֹת, אוּן מִיט אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים; אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט גְלֵייבְּן אִין דִיר, זָאלְסְט וִויסְן אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעט זִיךְ נִישְׁט אָן אוֹיף דִי תַּלְמִידִים גְלַייךְ וִוי מֶען פּוֹעֵל׳ט, גְלֵייבּ אַז מֶען פּוֹעֵל׳ט.

די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:), רֶבִּי פְּרֵידָא אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר הָאט אַמָאל גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, יֶעדֶע זַאךְ הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן אַפָּאר הוּנְדֶערְט מָאל, אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא הָאט עֶר נָאר פַארְשְׁטַאנֶען נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט מָאל אִיבֶּערְזָאגְן, אוּן אַמָאל הָאט דָאס גֶענוּמֶען אַכְט הוּנְדֶערְט מָאל, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אַז דִי גַאנְצֶע דוֹר פוּן רֶבִּי פְּרֵידָא אִיז מְזוּמָן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, אוּן רֶבִּי פְּרֵידָא הָאט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אֲרִיכוּת יָמִים צוּ לֶעבְן נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט יָאר.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֵילָא רֶבִּי פְּרֵידָא אִיז דָאךְ אַ צַדִיק, אוּן אַ צַדִיק אִיז דָאךְ פָּשׁוּט אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת, אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ לֶערְנֶען מִיט יֶעדֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָן אַ שִׁיעוּר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): "כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם", דֶער צַדִיק הָאט רַחְמָנוּת אוֹיפְן דוֹר, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין חִידוּשׁ, אָבֶּער ווִי נֶעמְט מֶען אַ תַּלְמִיד זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ זִיצְן בַּיי זַיין רֶבִּי וָואס זָאגְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, דָאס אִיז דִי חִידוּשׁ; דֶערְפַאר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, מִיר דַארְפְן זַיין סַיי דֶער מְלַמֵּד וָואס זָאגְט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן סַיי מִיר דַארְפְן זַיין פוּן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים, זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיסְהֶערְן בְּקוֹל הַצַּדִּיקִים, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, גְלֵייבְּן אַז אוּנְזֶער תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶען חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיסְהֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז, אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדִישׁ, אוּן הָאבְּן צוּ זֵיי סַבְלָנוּת, זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן, זֵיי לִיבּ הָאבְּן, זֵיי קֶענֶען לַיידְן וְכוּ' וְכוּ'; וֶועלְן מִיר קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצְן דוֹר צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים...

...

## דֶער עִיקָר יִחוּס אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן אַלֶעס, אַ אִיד אַז עֶר גֵייט אִין שׁוּל דְרַיי מָאל אַ טָאג צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן - הָאט עֶר כֹּחַ צוּ קֶענֶען עוֹמֵד זַיין אִין דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דִי צַד הַטוּמְאָה בְּרֶענְגְט.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יִחוּס, אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶוענְט; מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ יִחוּס בְּרִיוו בִּיז אַרוֹיף צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן אַמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פֵייעֶר אִין שְׁטוּב אוּן אַלֶעס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן דֶעם מַגִיד׳ס מַאמֶע הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן דֶער מַגִיד הָאט אִיר גֶעטְרֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הוֹיז וֶועט אוּנְז גֶעבְּן אַ צְוֵוייטֶע דִירָה, הָאט זִי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵויין נִישְׁט אוֹיף דִי הוֹיז, אִיךְ וֵויין אַז אוּנְזֶער יִחוּס בְּרִיוו הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט״, הָאט דֶער מַגִיד גֶעזָאגְט: ״פוּן מִיר וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ יִחוּס, אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַן עֶכְטֶע יִחוּס״; וַוייל דֶער עִיקָר יִחוּס אִיז דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ.

...